**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/10/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון 2.4 מיליאן דאלארדיגע ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט אין באפעלאו**

***Cigar Factory Apartments* ברענגט נייע היימער און פלאץ פאר געשעפטן פאר צוגענגליכע פרייזן אין איסט באפעלאו**

***בילדער קען מען זעהן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 2.4 מיליאן דאלארדיגע האוזינג און ביזנעס דעוועלאפמענט וואס ברענגט 11 היימער און נייע פלעצער פאר געשעפטן פאר צוגענגליכע פרייזן אין באפעלאו'ס איסט סייד. Cigar Factory Apartments באשטייט פון דאס איבערמאכן דעם היסטארישן שטח פון די Jankowski ציגאר פאבריק און דאס אויפבויען א גענצליך נייע געביידע דערנעבן.

"די דעוועלאפמענט איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון אונזער פארפליכטונג צו טוהן פאר איסט באפעלאו דאס וואס עס קומט זיך זיי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק 2 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג, האבן Cigar Factory Apartments טראנספארמירט אן אלטע ציגאר פאבריק צו ווערן הערליכע, זיכערע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן. אין צוגאב צו די 50 מיליאן דאלאר צו שטיצן היים אייגנטימער און צו אויפלעבן ביזנעס דיסטריקטס, אינוועסטירן מיר מיט די היינטיגע חנוכת הבית אין איסט באפעלאו צו אונטערהייבן די גאנצע קאמיוניטי."

די Cigar Factory Apartments זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג מער גרינג זיך צו ערלויבן, יושר'דיג און סטאביל. אין די 2022-23 סטעיט בודזשעט האט די גאווערנער פארגעשלאגן און ערפאלגרייך דורכגעפירט א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די Cigar Factory Apartments רעכענען אריין זיבן איין-שלאף צימערדיגע און פיר צוויי-שלאף צימערדיגע אפארטמענטס, און אויך א קליינע קאווע געשעפט אויף די אונטערשטע שטאק. אלע אפארטמענטס זענען צוגענגליך פאר פאמיליעס וועלכע פארדינען 50 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income).

די ציגאר פאבריק שטח וואס געפונט זיך אויף 595 Fillmore Avenue איז אפגעקויפט געווארן דורך בראדוועי-פילמאָור געגנט האוזינג סערוויסעס ארגאניזאציע ( Broadway Fillmore Neighborhood Housing Services, BFNHS) אין 2015, אבער א גרויסע טייל פון די געביידע איז חרוב געווארן דורך

א פייער בלויז עטליכע וואכן שפעטער. BFNHS האט מצליח געווען צו ראטעווען צוויי געביידעס פון הונטן פון די פראפערטי, אריינרעכנענדיג א ציגלנדע געביידע וואו טאבאקא בלעטער זענען באארבעט געווארן און צוגעגרייט געווארן צו ווערן אריינגעוויקלט אין די ציגארן. BFNHS האט דערנאך אפגעקויפט די דערנעבנדע שטח אויף 591 Filmore. די דעוועלאפמענט געפונט זיך ביי די הויפט טויער צו באפעלאו'ס היסטארישע צענטראלע טערמינאל וועס וועט בקרוב איבערגעמאכט ווערן מיט איבער 60 מיליאן דאלאר אין סטעיט ראיאנישע אויפלעבונג שותפות ( Regional Revitalization Partnership, RRP) פינאנצירונג וואס די גאווערנערהאט [אנאנסירט](#) אין יוני, און עס איז נאענט צו די הונדערט-יאר-אלטע בראדוועי מארקעט וואס וועט אויך באקומען 37 מיליאן דאלאר אין געלטער פאר פארבעסערונגען פון די RRP.

סטעיט פינאנצירונג פאר Cigar Factory Apartments רעכנט אריין 1.9 מיליאן דאלאר אין HOME לאקאלע פראגראם פינאנצירונג און $40,000 פון די ארויס-פון-שטאט און שטאטישע קאמיוניטי אינוועסטירונג קאסע (Rural and Urban Community Investment Fund) פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal). די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) האט זיך פארפליכטעט צו געבן $11,000 אין שטיצע דורך איר פראגראם פאר נידעריג-שטאקיגע וואוינונג געביידעס (Low-rise Residential New Construction program). HomeFront האט געגעבן $160,000 און באפעלאו סיטי האט געגעבן $11,000.

גאווערנער האקול האט אין די פארגאנגענהייט [אנאנסירט](#) 50 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען אלץ טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די באלדיגע באדערפענישן פון די איסט באפעלאו קאמיוניטי נאכפאלגנדיג די טערער אטאקע דורך דעם ווייסן סופרעמאסיסט ביי Tops Supermarket אום מאי 14, 2022. היסטארישע 'רעדליינינג' און מאדערנע מנהגים פון דיסקרימינירן צווישן מענטשן ביים גיבן מארטגעדזשעס האבן געמאכט האוזינג אין איסט באפעלאו באדייטנד אומסטאביל און געשטאנען אין וועג פאר איינצלנע מענטשן, פאמיליעס און די קאמיוניטי צו בויען רייכטום פאר זיך. די סטעיט האט אונטערגענומען באלדיגע שריט צו [ארויסהעלפן היים אייגנטימער וועלכע מוטשענען זיך](#) אין איסט באפעלאו מיט אן אינוועסטירונג פון 34.5 מיליאן דאלאר, אריינרעכנענדיג:

- 20 מיליאן דאלאר פאר די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל און פאר די דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ (Department of Taxation and Finance) צו צושטעלן סערוויסעס פאר ביז אזויפיל ווי 4,000 [היים אייגנטימער אין נויט פון שטייער, וואסער און אפלויף וואסער חובות הילף.](#)
- 10 מיליאן דאלאר צו צושטעלן סערוויסעס פאר ביז אזויפיל ווי 1,000 היים אייגנטימער מיט [היימער אין נויט פון ערנסטע פארריכטונגען.](#)
- 4.5 מיליאן דאלאר צו צושטעלן סערוויסעס פאר ביז אזויפיל ווי 150 היים אייגנטימער וועלכע ווילן האבן צוטריט צו [דאַון פעימענט הילף.](#)

גאווערנער האקול האט לעצטנס [אנאנסירט](#) אז אפליקאציעס האבן אנגעהויבן געווארן צו ווערן אנגענומען פון אוגוסט 9 פאר די ברייטע האוזינג פראגראמען שטיצנדיג איינוואוינער פון איסט באפעלאו. איינוואוינער קענען רופן 211 צו לערנען מער איבער האוזינג פראגראמען און איבער וויאזוי צו אפליייען.

**ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאַסקעס האט געזאגט,** "Cigar Factory Apartments זענען א ווערטפולע באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין באפעלאו'ס איסט סייד. די דעוועלאפמענט ברענגט זיכערע און באקוועמע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר די 11 מענטשן און פאמיליעס וועלכע וואוינען יעצט דא, און עס האט געברענגט ווערטפולע פלאץ פאר געשעפטן אין א סטראטעגישע לאקאציע אין די בראדוועי-פילמאר געגנט. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די איסט סייד

קאמיוניטי, און מיר באדאנקען אונזערע שותפים אין די בראָדוועי-פילמאר געגנט האוזינג סערוויסעס ארגאניזאציע פאר זייער שטיצע צו ערמעגליכן די דעוועלאפמענט צו געבויט ווערן."

**דאַרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, האט געזאגט,** "מיט די חנוכת הבית פון די Cigar Factory Apartments, האבן איינוואוינער פון באפעלאו'ס איסט סייד יעצט מער צוטריט צו האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן וואס זענען שפארזאם מיט ענערגיע און פאראנטווארטליך צו די ענווייראמענט, אויפווייזנדיג אז היסטארישע געביידעס קענען צוגעפאסט ווערן צו א צוקונפט פון ריינע ענערגיע. עס איז אונז א פארגעניגן ביי NYSERDA צו שטיצן דעם פראיעקט און אנדערע פראיעקטן ווי דעם צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס שוואכסטע בירגער בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אריבערגאנג צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע מיט געזונטע, שטאנדהאפטיגע און קלימאט-פריינטליכע געביידעס וואו צו וואוינען."

**סטיווען קארנאט, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Broadway-Fillmore NHS, Inc. און HomeFront, Inc. האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז איז איבערגעקומען אסאך שטרויכלונגען צו אנקומען צו דעם היינטיגן טאג, אריינרעכענענדיג א פארניכטנדע פייער קורצליך נאך מיר האבן אפגעקויפט די שטח, און א פאנדעמיע וואס האט באדייטנד פארשטייטערט די שנעלקייט פון די קאנסטרוקציע. עס איז אפשר נאר א קליינעם פראיעקט, אבער מיר גלויבן אז עס קען האבן א טראנספארמאטיווע ווירקונג. עס ווידערהאלט איר פארגאנגעהייט אלץ ציגאר פאבריק און פאמיליע היים, און עס אפפערט א טויער אריין צו די צוקונפט פון די בראָדוועי-פילמאר געגנט."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז בלויז נאך א ביישפיל פון וואס עס קען אויפגעטוהן ווערן ווען מיר גיבן זיך איבער צו היטן אויף אונזער סיטי'ס פארגאנגענהייט און עס אריינבויען אין די לעבעדיגע צוקונפט וואס מיר בויען. א דאנק די ווייטע בליק פון בראָדוועי-פילמאר געגנט האוזינג סערוויסעס עקזעקיוטיוו דירעקטאר סטיווען קארנאט און קארמינע וואוד מאריס, און א דאנק די שטיצע פון ניו יארק סטעיט, ווערט די שטח נאכאמאל אויפגעלעבט, און עס מאכט דעם היסטארישן סטרוקטור אלץ א קאמיוניטי-צענטרירטע פלאץ."

**מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "איך וויל גראטולירן בראָדוועי-פילמאר געגנט האוזינג סערוויסעס פאר זייער עקשנות צו פארענדיגן די האוזינג און געשעפטן פאר צוגענגליכע פרייזן פראיעקט. טוישן די געוועזענע Jankowski ציגאר פאבריק צו ווערן וואוינונגען איז געווען אן אנטמוטיגנדע באמיאונג פאר זיך אליין, אבער צו איבערקומען די 2015 פייער האט זיך געפאדערט אן איבערגעגעבנקייט לפנים משורת הדין. די דעוועלאפמענט וואס געפונט זיך ביי די אריינגאנג צו די באפעלאו צענטראלע טערמינאל איז א וויכטיגע צוגאב צו די אלגעמיינע סיטי און ניו יארק סטעיט באמיאונגען צו אויפלעבן די בראָדוועי-פילמאר געגנט און איסט באפעלאו."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418